**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/23/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט עפענונג פון רעגיסטראציע פאר צוועלפטע יערליכע מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעס ענטערפרייז פארום

***פראגראם׳ס טעמע — ״בויען א יושר׳דיגן צוקונפט״ — פאקוסירט אויף אפצושאפן מניעות און ווידער-דעפינירן צוטריטליכקייט פאר MWBE פירמעס***

***פאנעל דיסקוסיעס וועלן פארלייגן קאנטראקטירונג געלעגנהייטן און הילף אויף שאפן קאפיטאל***

***רעגיסטרירט זיך אָנליין פאר אקטאבער 6 ביז 7 פראגראם [דא](#)***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז דער 2022 ׳מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעס ענטערפרייז פארום׳ וועט געהאלטן ווערן אום אקטאבער 6 און 7 ביי דעם אלבאני קאפיטאל צענטער. די טעמע פון דעם היי-יעריגן פארום איז ״בויען א יושר׳דיגע צוקונפט.״ דער יערליכער ניו יארק סטעיט ׳מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעס ענטערפרייז פארום׳ פארזארגט געלעגנהייטן לענגאויס אינדוסטריעס אויסצופלאסטערן נייע פראפעסיאנעלע פארבינדונגען און ווערן מער פארמעסטעריש אין א כסדר-ענדרנדע מארקעט. דער היי־יעריגער פארום וועט אויסניצן א געמישטע פארמאט מיט ווירטועלע סעסיעס און פערזענליכע געלעגנהייטן, מיט אנטיילנעמנדע פארשטייער פון קלענערע ביזנעסער, הויפט קאנטראקטארן, אויסבארגער, ערוועלטע באאמטע, און מיטגלידער פונ׳ם קאבינעט דורכצורעדן סטעיט קאנטראקטירונג געלעגנהייטן.

״דער יערליכער פארום האט געדינט אלס א וויכטיגע רעסאָרס צו העלפן מאכן קאנטראקטירן און איינשאפן גרינגער, מער יושר׳דיג און מער צוטריטליך פאר ניו יארק׳ס מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעסער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איצט אין איר צוועלפטע יאר, וועט אונזער MWBE פארום צוזאמברענגען ביזנעס פירער, סטעיט באאמטע, און אנדערע אינדוסטריע מבינים דורכצורעדן וויאזוי מיר בויען א מער יושר׳דיגן צוקונפט אין ניו יארק. איך בין שטאלץ אויפצונעמען דעם היי-יעריגן פארום, און איך מוטיג מיטגלידער פון ניו יארק׳ס ביזנעס קאמיוניטי זיך צו רעגיסטרירן נאך היינט און זיך אנשליסן מיט אונז.״

דער 2022 פארום וועט זיין א מולטי-טאגיגע געמישטע צוגאנג, צוזאמפלעכטנדיג אין-פערזאן פראגראמען און אָנליין סעסיעס. פראגראמען וועלן אריינרעכענען פאנעלן, ארבעט סעסיעס, און סיי לעבעדיגע און סיי ווירטועלע צוזאמקונפטן פאר צונויפבינדונג געלעגנהייטן. די שטייגנדע ליסטע פון פראגראמען וועט אדרעסירן א ברייטע ריי טעמעס, פון זיך איינשאפן קאפיטאל אויף אויפשטייגנדע געלעגנהייטן פאר MWBE פירמעס אין דעם אויפשטייגנדן קענעביס אינדוסטריע. לערנט אייך מער איבער דעם פארום און רעגיסטרירט זיך [דא](#).

**הויפט דעווערסיטעט באאמטע דזשוליסע גוטיערעז האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול איז אנטשלאסן צו פארברייטערן געלעגנהייט און שטיצן עקאנאמישע אויפשטייג און גלייכצייטיג פאראויס-פירן פילפארביגקייט, יושר'דיגקייט און אריינגנעמיגקייט פאר יעדן ניו יארקער. MWBE פירמעס זענען א נייטיגע טייל פון עקאנאמישע אנטוויקלונג און מיר טוען ווייטער שטערקער מאכן צוגענגליכקייט צו קאנטראקטירונג געלעגנהייטן און קאפיטאל כדי אז MWBE פירמעס קענען זיך ווירקליך פאראויס-ציען. דער יערליכער MWBE פארום גיבט א געלעגנהייט צוזאמצוברענגען טאלאנטפולע און ענטרעפעניוריעלע MWBE פירמעס מיט סטעיט געלעגנהייטן וועלכע וועלן זיי שטעלן אויף א וועג צו הצלחה.״

**'עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט' פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט האט עס געמאכט אן עקאנאמישע אנטוויקלונג פריאריטעט צוצושטעלן MWBE פירמעס מיט די מיטלען וואס זיי דארפן אויף זיך צו באשטעטיגן און באהעפטן צו סטעיט קאנטראקטירונג געלעגנהייטן. דער היי-יעריגער פארום וועט דינען אלס א לעבהאפטע געמישטע צענטער, געבנדיג ביזנעסער די אינפארמאציע און פארבינדונגען וועלכע זענען קריטיש-וויכטיג צו זייער הצלחה.״

**דיוויזיע פון מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעס ענטערפרייז אנטוויקלונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר דזשעראום דו-וואל האט געזאגט,** ״פאריגעס יאר האבן מיר דערגרייכט ע היסטארישע אויסניץ ראטע פאר אונזער MWBE פראגראם, אבער אונזער וויכטיגע ארבעט גייט אן ווייטער. דער היי-יעריגער פארום וועט ארויסווייזן אונזער אויפגאבע פון בויען א ווירקליך יושר'דיגע צוקונפט פאר ניו יארק סטעיט'ס MWBE פירמעס און די פראגראמען און אונטערנעמונגען וועלכע מיר האבן פארגעשטעלט און געשטיצט צו מאכן יענעם צוקונפט א ווירקליכקייט. מיר זענען שטאלץ אויפצונעמען דעם לאנד'ס גרעסטן צוזאמקונפט באהעפטנדיג MWBE פירמעס און די פריוואטע און פובליק סעקטארן מיט סטעיט קאנטראקטירונג געלעגנהייטן וועלכע וועלן געבן ביזנעסער א יושר'דיגער געלעגנהייט פאר עקאנאמישע בליאונג.״

פלאנירטע סעסיעס נעמען אריין:

__צוטריט צו קאפיטאל מיט ניו יארק סטעיט__

האבנדיג צוטריט צו קאפיטאל אין דער ריכטיגער צייט קען טרייבן א ביזנעס צו נייע הויכקייטן אדער אפהאלטן א ביזנעס פון פארשליסן אירע טירן. אין דער סעסיע וועלן מיר דורכרעדן איצטיגע אויסליי פראגראמען אנגעבאטן דורך ניו יארק סטעיט פאר MWBE פירמעס און וויאזוי MWBE פירמעס קענען צוקומען צו די דאזיגע פראגראמען פאר ביזנעס וואוקס.

__קולטיווירן דעם נעקסטן דור פרויען פירער און ענטרעפענורס__

נייע פרויען ענטרעפענורס וועלן זיך לערנען איבער די ברייטע ריי געלעגנהייטן צו באקומען פאר פרויען-באזיצטע ביזנעסער אין ניו יארק סטעיט און וויאזוי זיי קענען געניצט ווערן צו מאכן וואקסן א נייעם דור פרויען פירער אין ביזנעס.

__זיך אנשפארן אויף אייער קאמיוניטי: ניצנדיג קאמיוניטי ביזנעס אויסלייער צו פינאנצירן דעם צוקונפט פון אייער ביזנעס__

קאמיוניטי ביזנעס אויסלייאונג איז אן אונטערצינד-כוח איינצופירן עקאנאמישע אנטוויקלונג און דעריבער איז העכסט-נייטיג אז MWBE פירמעס קענען ווי מער אויסלייאונג קוועלער אין זייער קאמיוניטי. אין דער סעסיע, וועלן קאמיוניטי אויסבארגער דורכרעדן וויאזוי זיי העלפן מיט פארמיטלען MWBE פירמע בליאונג.

__אינוועסטירט אין אייער קאמיוניטי: נייע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג איניציאטיוון און די בענעפיטן צו MWBE ביזנעסער__

אין אפריל פון דעם יאר האט גאווערנער האוקול געמאלדן דאס שאפן דעם ניו יארק סטעיט אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, וועלכער וועט באאויפטראגט ווערן מיט פארבעסערן די סטעיט׳ס ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען און פירונגען צו בעסער זיך אויסגלייכן מיט די געברויכן און פריאריטעטן פון היינטיגע ארבעטסגעבער. די סעסיע וועט פארשטעלן די הויפט ארבעטסקראפט אנטוויקלונג איניציאטיוון אונטער דעם נייעם אפיס, רעסאָרסן צו באקומען פאר MWBE פירמעס וואס זוכן טאלאנט און וויאזוי דער אפיס ארבעט אינאיינעם מיט הויפט ניו יארק סטעיט פאראינטערעסירטע פארטייען צו ליפערן פאזיטיווע תוצאות פאר ארבעטסגעבער און ארבעטער.

**<u>וויאזוי ניו יארק סטעיט פלאנירט צו שאפן יושר'דיגקייט אין דער קענעביס אינדוסטריע</u>**
אנטיילנעמער וועלן זיך לערנען איבער די פארשידענע ערליי מהלכים וועלכע רעגירונגען האבן גענומען אדער זאלן נעמען דורך פּאָליסי און רעגולאציעס אין סאציעלע יושר'דיגקייט אונטערנעמונגען. געשפרעכן וועלן זיין צענטערירט איבער וואס ברענגט הצלחה פאר די אונטערנעמונגען און וויאזוי דער ׳מאריוואנא רעגולאציע און שטייער אקט׳ וועט אוועקשטעלן דעם לאנד׳ס שטערקסטן סאציעלע יושר'דיגקייט פראגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418